# פרשת וישלח י' – ט"ז כסלו תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישראל** (ב"ר יוסף) **לעפקאוויטש** הי"ו, **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מאיר בעק** הי"ו (התן הרה"ג רבי **נחום מאסקאוויטש** שליט"א), שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לסעודת הברית של בן הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו (ל-ד), יעקב האט געשיקט מלאכים צו עשו, און רש"י זאגט, מלאכים ממש. אין הייליגע ספרים שטייט, אז פון יעדע מצוה וואס א יוד טוט, ווערט באשאפן דערפון א מלאך, און יעקב האט געזאגט, עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי, איז דאך באשאפן געווארן מלאכים פון זיינע מצות, און פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצות, האט ער געשיקט צו עשו.

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז יעקב אבינו האט געשיקט די מלאכים פון די מצוה פון מילה וואס ער האט זיך גע'מל'ט. און ער האט נאכגעזאגט פונעם **אוהב ישראל**, אז די ראשי תיבות פון ו'ישלח י'עקב מ'לאכים ל'פניו, איז וימ"ל, א רמז אויף מצות מילה. און נאכדעם האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש (ילקוט בשלח רלד), אז ווען יודען זענען אדורכגעגאנגען דעם ים, האט מען אויסגערופן אז דער ים זאל זיך צוטיילן כדי די יודען זאלן קענען אדורכגיין. און מען האט אויסגערעכנט אויף יעדע זייט וואספארא מצות יודען זענען מקיים אויף יענע זייט, אז די וואסער זאל אוועקגיין. און מלפניו זאלן די וואסער אוועקגיין, ווייל יודען זענען מקיים מצות מילה וואס איז לפניו. - וישלח יעקב מלאכים, וואס פארא מלאכים האט ער געשיקט, לפניו, פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון מצות מילה. וואס איז דער ענין אז פון אלע מצות וואס ער האט מקיים געווען האט ער אויסגעקליבן פונקט די מלאכים פון מצות מילה, און זיי האט ער געשיקט ווען ער האט זיך געדארפט טרעפן מיט עשו. אוודאי איז מצות מילה חשובה כנגד כל התורה כולה (נדרים לב.), אבער עס מוז האבן א געוויסע נקודה וואס האט א קשר מיט עשו.

**בפשטות** ווייל עשו איז געווען מחוייב במילה, און עס שטייט אין מדרש (**בעלי תוספות** ריש פ' תולדות) אז עשו האט זיך נישט געלאזט מל'ן. אלץ קינד האט מען אים נישט גע'מל'ט, ווייל ער איז געווען א אדמוני. אזוי ווי א געל קינד מל'ט מען נישט, אזוי מל'ט מען נישט א רויט קינד (**שו"ע** יו"ד רסג-א), און ווען ער איז עלטער געווארן, האט מען געזעהן אז דאס איז נישט ווייל עס האט צוטון מיטן בלוט, נאר ער איז בעצם א אדמוני, און דעמאלטס האט ער זיך שוין נישט געלאזט מל'ן, האט ער דאך געהאט א מצוה וואס ער איז געווען מחוייב, און ער האט עס נישט מקיים געווען, און יעקב האט עס יא מקיים געווען.

**עס** קען אפשר זיין, עס שטייט אין **בני יששכר** (ניסן ד-ז ע"ש), אז ווען א יוד האט צוטון מיט א גוי, און מען דארף מעורר זיין מדת הרחמים אויף דעם יוד, און מדת הדין אויף דעם גוי, איז זייער שווער אז עס זאל נתעורר ווערן אויף איין מאל, שני הפכים בנושא אחד. ווען א מענטש דארף האבן חסד און רחמים, ווערט נתעורר מדת הרחמים. ווען מען דארף אמאל האבן דין אויף א גוי, ווערט נתעורר א דין. אבער ווען עס קומט זיך צוזאם א יוד מיט א גוי, און מען דארף האבן פון איין זייט רחמים, און פון איין זייט דינים, דאס איז זייער שווער מעורר צו זיין. און ער זאגט כמה דרכים ווי אזוי א יוד קען טון געוויסע מצות, וואס עס ווערט נתעוררביידע.

**עס** קען זיין אז ביי מצות מילה ווערט אויך נתעורר ביידע. מצות מילה איז בעצם דין, א טאטע ווערט א אכזר אויף א קינד, און ער מל'ט זיין קינד, איז ער מעורר א מדה פון גבורה וואס דער מענטש טוט. פון די אנדערע זייט איז די קדושה פון מצות מילה מעורר רחמים. מ'י י'על'ה ל'נ'ו ה'שמימ'ה (דברים ל-יב), איז די ראשי תיבות מיל"ה, און די סופי תיבות דעם שם הוי"ה, וואס איז חסד. קומט אויס אז ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, איז ער פון איין זייט מעורר מדת הרחמים, מכח די מצוה וואס ער איז

מקיים, אבער ער האט אויך א כח מעורר צו זיין מדת הדין אין די זעלבע צייט, ווייל ער טוט א זאך וואס איז פארבינדען מיטן מדה פון גבורה. - יעקב האט זיך געדארפט טרעפן מיט עשו, האט ער געדארפט מעורר זיין רחמים אויף זיך, און ער האט געדארפט מעורר זיין דינים אויף עשו. האט ער געשיקט די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון מצות מילה, וואס ביי מצות מילה קומט זיך צוזאם דין מיט רחמים.

**מען** געפונט אין די פרשה די וואך, אז שכם מיט די גאנצע שטאט האבן זיך געלאזט מל'ן. אבער יענע מילה איז נישט געווען קיין מצוה, און עס איז נישט מעורר קיין רחמים, עס איז דאך געווען פארקערט, זיי האבן זיך גע'מל'ט, כדי זיי זאלן קענען האבן דינה. אבער פון די אנדערע זייט, מען זאגט נאך פונעם **פריערדיגען בעלזער רב זי"ע**, אמאל איז דאך נישט געווען קיין לעקטער, נאך ליכט. און בדרך כלל פרייטאג צו נאכטס ווען מען האט געדאווענט, איז געווען ליכט פון ערב שבת. שבת בייטאג איז נישט געווען קיין ליכט אין בית המדרש, וועגן דעם האבן אלע שול'ן געהאט גרויסע פענסטערס, אז מען זאל קענען זעהן דאס דאווענען פונעם טאג ליכט. מנחה שבת נאכמיטאג האט מען געדאווענט ווילאנג עס איז נאך געווען ליכטיג, אז מען זאל קענען ליינען אקעגן די טאג ליכט. יום הקדוש דאווענט מען דאך ביז ביינאכט, נעילה איז סוף פונעם טאג, פון דעם נעמט זיך אז מען האט געצינדען גרויסע ליכט יום הקדוש, אז עס זאל קענען אויסהאלטן דעם גאנצן טאג, אז עס זאל קענען זיין ליכט ביז מוצאי יום כיפור. אבער עס האט זיך אסאך מאל געמאכט, אז די ליכט האבן זיך אויסגעברענט, און עס איז נישט געווען קיין ליכט צו נעילה, טוט זיך אין די פוסקים צו מען מעג אריינרופן א גוי זאל אנצינדען ליכט. אמירה לעכו"ם איז א שבות, אבער פאר א דבר מצוה, א מצוה דרבים, צו מען מעג אריינרופן א גוי. און דער בעלזער רב זי"ע האט מתיר געווען אריינצורופן א גוי, און ער האט געזאגט, אז עס איז דא א ענין אז מען זאל אריינרופן א גוי, ווייל יום הקדוש דארף מען האבן רחמים אויבן אין הימל, זאל אריינקומען א גוי אין בית המדרש, זאל דער אייבערשטער זעהן דעם חילוק ווי אזוי א יוד זעהט אויס, און ווי אזוי א גוי זעהט אויס. בעצם דעם גוי'ס אריינקומען אין בית המדרש איז מעורר רחמים. די גוים וואס דרייען זיך דא, זענען מעורר רחמים אויף אונז. מען זאל זעהן ווי אזוי א יוד זעהט אויס, און ווי אזוי א גוי זעהט אויס.

**ווען** א יוד איז מקיים מצות מילה, אפשר ווייסט מען נישט מחשיב צו זיין די גרויסע חשיבות, אבער ווען מען קוקט פאר וואס פאר א סיבה א גוי איז מקיים מצות מילה, ווערט נתעורר די חשיבות פון א יוד וואס ער איז מקיים מצות מילה. - ביי די מעשה פון דינה האט מען אויך געדארפט מעורר זיין דארט די מדה פון דין און רחמים. זיי האבן געדארפט האבן רחמים אויף זיך, און זיי האבן געדארפט מעורר זיין דין אויף די אנשי שכם. האבן זיי גענומען אזא מילה ווי מצות מילה, וואס מצות מילה איז מעורר דין און רחמים צוזאמען.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **הערש אלימלך גרינפעלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף מיטעלמאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **נפתלי הערצקא גרינצווייג** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ג סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** פרשה פאריגע וואך, פרשת ויצא, איז פון די לענגסטע פרשיות אין די תורה, עס האט הונדערט אכט און פערציג פסוקים. יעדע פרשה באשטייט פון אסאך ענינים, און ביי יעדע ענין איז דא עקסטער א פרשה פאר זיך אליין. עס איז דא א ס' אדער א פ', וואס טיילט אפ איין ענין פון צווייטען. אין פרשת ויצא איז נישט דא קיין איין הפסק פון אנפאנג פרשה ביז צום סוף. עס איז פון די איינציגסטע פרשיות אין די תורה, וואס האט נישט קיין סמ"ך און א פ"א אינמיטן די פרשה, עס איז איין לאנגע פרשה אן א הפסק.

**דער** ענין דערפון איז. יעקב אבינו איז דאך ביז ויצא יעקב מבאר שבע, ביז ער איז ארויסגעגאנגען פון באר

שבע, איז ער אלע יארן געזעסן באהלה של תורה, און געלערנט ביי שם ועבר. ער איז שוין אלט געווען זיבן און זיבעציג יאר בשעת ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און ער האט זיך משלים געווען ווי א יוד דארף זיך משלים זיין אין תורה. יעצט האט זיך אנגעהויבן ביי אים א צווייטע מהלך אין לעבן, ער האט איבערגעלאזט דעם בית המדרש, ער האט איבערגעלאזט ארץ ישראל, ער גייט ארויס אויף חוץ לארץ, און ער גייט צו א גוי אין שטוב, צו לבן הארמי, וואס לבן ביקש לעקור את הכל, די מקור הטומאה איז געווען ביי לבן אין שטוב. לגבי יעקב איז עס אזוי ווי פון א איגרא רמא לבירא עמיקתא, ארויסגעגאנגען פונעם עמוד התורה, און מען האט אים פארשיקט ערגעץ אויף חוץ לארץ, אריין צו לבן אין שטוב. ער דארף פארמאכן די גמרא און היטן די שעף, צוואנציג יאר איז ער געווען א רועה צאן. פון א גדול בישראל איז ער געווארן א רועה צאן. וועט מען דאך מיינען אז ער איז געווען צובראכן ביי זיך, אזא טויש אינעם לעבן. ביי אונז אלע וואלט אזא סארט לעבן געווען מיט א געוואלדיגע צובראכענקייט.

**זאגט** אבער די תורה, ביי יעקב אבינו איז נישט אזוי געווען. א ראיה דערויף, ווייל די גמרא (שבת ל.) זאגט, אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה. אויב עס איז נישט דא קיין שמחה, איז נישט דא קיין השראת השכינה. און יעקב אבינו ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון באר שבע, האט ער זוכה געווען צו א מראה נבואה, והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה ה' נצב עליו, און דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך. אויב עס פעלט שמחה, איז נישט דא קיין השראת השכינה. מוז דאך זיין, אז עס איז נישט צוגענומען געווארן די שמחה פון יעק אבינו די גאנצע צייט, אפילו ווען ער איז ארויסגעגאנגען קיין חרן.

**וועט** מען פרעגן פארוואס טאקע. די תירוץ דערויף איז, ווייל א יוד וואס איז א עבד נאמן פארן אייבערשטען, און ער גלייבט אז אלעס איז מן השמים, אלעס פירט דער באשעפער. ביז היינט האט דער אייבערשטער געוואלט אז איך זאל זיצן אין בית המדרש און לערנען, און יעצט זאגט דער אייבערשטער, לאז איבער דעם בית המדרש, דו מוזט אנטלויפן פון עשו, דו מוזט אוועקגיין צו לבן, און דיין עבודה איז יעצט א אנדערע סארט עבודה.

דער בעל הבית האט געשטעלט דעם ארבייטער אויף א אנדערע סארט ארבעט פון וואס עס איז געווען ביז יעצט. אז מען גלייבט אז אלעס איז מן השמים, דינט מען דעם אייבערשטען אויף יעדן פלאץ אזוי ווי דער באשעפער וויל. ווילאנג מען איז געווען אין בית המדרש, דארף איך דינען דעם אייבערשטען אזוי ווי מען דינט אים אין בית המדרש, ווען איך וועל זיין ביי לבן, וועל איך אויך דינען דעם אייבערשטען. איך וועל דינען דעם באשעפער אזוי ווי מען דינט דארט דעם באשעפער.

**און** נישט נאר אז יעקב איז נישט געפאלען פון וואס ער איז געווען פאר דעם, ווען ער איז געקומען צו לבן אין שטוב, נאר ויבא יעקב שלם (לג-יח), שלם בגופו שלם בממונו שלם בתורתו, זיין שלימות האט ער גאר אויפגענומען, ווען ער איז געווען דארט ביי לבן. פארוואס האט ער דארט אויפגענומען זיין שלימות, ווייל צו זיצען אין בית המדרש און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און נישט זיין אפען צו די גאס, איז גרינג צו זיין א ערליכער יוד. דער נסיון איז נאר, אז מען זאל נישט ארויסגיין פון בית המדרש. און ווען איינער איז אין בית המדרש, וואס זאל ער טון דארט, וואס קען מען טון אין בית המדרש, זיצט ער ביי די גמרא און ער לערנט. ווען הייבט אן ארויסצושיינען דאס ערליכקייט פון א יוד. ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, און ער זעהט ווי אזוי די גוים פירן זיך, און ער דארף זיך צוריקהאלטן און נישט טון וואס דער גוי טוט, דאס ברענגט ארויס די שלימות פונעם מענטש. דער עיקר איז דאך נישט נאר צו לערנען, די עיקר עבודה איז, אז וואס פאר א נסיון דו האסט, זאלסטו זיך קענען צוריקהאלטן, און טון וואס איז די ריכטיגע וועג.

**יעקב** האט געלעבט אן נסיונות, ער איז געזעסן אין בית המדרש פון שם ועבר כמעט זיבעציג יאר, און ער האט קיינמאל נישט געזעהן א עובר עבירה פאר זיינע אויגן. איז עפעס א חידוש אז ער איז געווען א יעקב אבינו? יעצט האט אנגעהויבן ארויסצוקומען ביי יעקב אבינו אלעס וואס ער האט געלערנט ביז יעצט, ער זאל עס קענען מקיים זיין הלכה למעשה. דרייען זיך ביי לבן, דרייען זיך אין חרן, דרייען זיך צווישן רועי צאן, און פון דעסטוועגן דאך זאל ער בלייבען מיט זיין קדושה וואס ער איז געווען, דא איז ארויסגעקומען ויבא יעקב שלם, דא איז ארויסגעקומען זיין שלימות.

**ווען** מען זאגט אויף א מענטש אז ער בייזערט זיך נישט, איז נישט קיין ראיה אז ער איז אויסגעארבעט אין די מדה פון כעס, אויב ער זיצט אליין ביי זיך אין שטוב, און ער האט נישט צוטון מיט מענטשען אויף דער גאס, און מען זאגט אז ער בייזערט זיך נישט, מיינט עס גארנישט. ער האט זיך נישט אויף וועם צו בייזערן, קיינער האט אים נישט געטשעפעט, קיינער האט נישט געזאגט א ווארט אנטקעגען אים. ווען זאגט מען אויף א מענטש אז ער איז נישט א כעסן, ווען ער דרייט זיך אויפן גאס, און מען טשעפעט אים, און מען טוט אנדערש ווי ער וויל, און פון דעסטוועגן דאך איז ער רואיג, און ער קען זיך קאנטראלירן, דאס איז די מדה פון א יוד. ווען יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען פונעם בית המדרש פון שם ועבר, האט ער געוואוסט אז דער אייבערשטער וויל פון מיר יעצט א אנדערע עבודה. איך גיי נישט אוועק פון בית המדרש ווייל איך וויל אוועקגיין, דער באשעפער האט אזוי צוגעפירט אז איך מוז אוועקגיין צו לבן, וועל איך דארט דינען דעם אייבערשטען. איז יעקב געווען מיט די זעלבע שמחה של מצוה וואס ער האט געהאט אין בית המדרש האט ער געהאט ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסן.

**כדי** דאס אונז צו לערנען, אז עס איז נישט געווען קיין שום שינוי ביי יעקב אבינו, איז די פרשה פון ויצא פון אנהייב פון די פרשה, דאס לעבנס ביאגראפיע פון יעקב, די יארן פון פרשת ויצא, וואס ער האט איבערגעלאזט דאס בית המדרש, און ער איז געווען אין חוץ לארץ, ביז די ענדע פון די סדרה, ווען ער איז צוריקגעקומען ויפגעו בו מלאכי אלקים, איז נישט דא קיין הפסק פרשה פון אנהייב ביז ווען ער איז צוריקגעקומען. דער זעלבער עובד ה' איז ער געווען אין אנהייב, אינמיטן, און צום סוף. עס האט זיך גארנישט געטוישט ביי אים, די מצב פון וואס ער איז געווען, די מדה פון יעקב אבינו. מען דארף זיך אפלערנען אז א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען, אין סיי וועלכע מקום ער געפונט זיך.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **הערש אלימלך גרינפעלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלום אלעזר פארקאש** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***יום שני פרשת וישלח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא, עב"ג בת **הרה"ג רבי שמחה טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בסעודת חתן מאהל של נכדו הרב **שלמה זלמן** כ"ץ שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, שהתקיים באולם הגדול.

*

***יום שלישי פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אליעזר לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה די מעשה פון שכם מיט דינה, וואס די בני יעקב האבן געזאגט פאר די אנשי שכם, אז זיי זאלן זיך מל'ן, און צום סוף האבן זיי אויסגע'הרג'ט די גאנצע שטאט. ווען מען האט געוואלט צורעדן די אנשי שכם אז זיי זאלן זיך מל'ן, זענען געקומען חמור ושכם בנו, און זיי האבן

געזאגט, אנשים האלה שלמים הם אתנו, זיי האבן אויסגערעכנט די מעלות פון די קינדער פון יעקב, אז די מענטשען זענען שלמים. רש"י טייטשט, בשלום ובלב שלם, זיי זענען ערנטליכע מענטשען, מיט א גאנצע הארץ. וישבו בארץ ויסחרו אותה, זיי וועלן זיצן דא ביי אונז אין לאנד און מאכען געשעפטן, והארץ הנה רחבת ידים לפניהם (לד-כא), און דאס לאנד איז פאר זיי א רחבת ידים. רש"י טייטשט, אז ווער עס האט א ברייטע האנט, איז א וותרן. עטץ וועטס נישט קיין שאדן האבן, אסאך ביזנעס קומט אהער אן, און אז זיי וועלן בלייבן דא, וועלן זיי אויפארבעטן די געשעפטן.

**עס** קען זיין, ער זאגט אין די מעלות אז יודען זענען שלמים, און עס איז רחבת ידים. די גמרא (נדרים לב.) זאגט, אז די פסוק (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי, גייט ארויף אויף ברית מילה. ווען נישט די ברית פון מילה, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן די וועלט. אין די מפרשים שטייט אביסל טיפער, מילה איז נאר יומם, עס איז נאר בייטאג, ביינאכט איז פסול מצות מילה. און דא זאגט מען, אם לא בריתי 'יומם ולילה', ווי אזוי גייט עס ארויף אויף מילה. נאר מילה איז נישט די ענין דאס מל'ן אליין, נאר די קדושה וואס מען לייגט ארויף אויפן קינד, און די קדושת הברית דארף אנהאלטן דאס גאנצע לעבן בייטאג און ביינאכט. אם לא בריתי, ווען נישט די מצוה פון מילה וואס דאס איז פארבינדען אויף שפעטער, מען זאל האבן די קדושה יומם ולילה, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן שמים וארץ. מצות מילה דאס איז די הכנה צום קדושת הברית פונעם גאצן לעבן. עס שטייט אין **ישמח משה** (פ' מקץ ד"ה ירד ירדנו) ווען א יוד היט זיך, האט ער א שפע פון פרנסה. און אז מען היט זיך נישט, טוט עס מגרע זיין די פרנסה.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן תמים, התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א). פארוואס? ווייל ביז א מענטש האט זיך נישט גע'מל'ט, פעלט אין זיין שלימות אין רוחניות, און עס פעלט אין זיין שלימות אין גשמיות אויך. ערלה דאס איז א זאך וואס דארף נישט געהערן צו א מענטש. אזוי ווי ווען א מענטש האט א יבלת, איז ער א בעל מום, און ווען מען נעמט אוועק די יבלת, דעמאלטס איז ער שלם, דאס זעלבע איז ערלה באלאנגט נישט צום גוף. האבן זיי געזאגט, אנשים האלה, די בני יעקב, שלמים הם אתנו, זיי זענען שלמים, ביי זיי איז התהלך לפני והיה תמים, זיי זענען שלם, זיי האבן נישט אויף זיך די מום פון ערלה, וועגן דעם איז והארץ הנה רחבת ידים הוא, אזוי ווי זיי האבן די מצוה פון מילה, וועגן דעם איז דער הארץ פאר זיי א רחבת ידים, זיי האבן א ברייט האנט אין די געשעפטען וואס זיי מאכן. אין דעם זכות וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, און מען האלט זיך מיט די קדושת הברית, דורך דעם איז מען זוכה אז עס זאל זיין רחבת ידים לפניהם.

*

**איך** האב געזעהן אמאל טייטשען אין **אמרי יצחק**, עס שטייט ביים כהן גדול, והכהן הגדול מאחיו אשר יוצק על ראשו שמן המשחה, ומלא את ידו ללבוש את הבגדים (ויקרא כא-י). זאגט ער, אז דער כהן גדול וואלט דאך געדארפט זיין גדול מאחיו, דער גרעסטער און חשוב'סטער וואס איז דא ביי יודען. וואו ליגט די חשיבות פון דעם כהן גדול מער פון א צווייטען יוד, אז זיין קדושה איז אויף א העכערע מדריגה פון א צווייטען. ווען מען נעמט דאס ווארט 'יד', און מען שרייבט עס מיט די מילוי, יו"ד דל"ת, באטרעפט דאס וויפיל חות"ם, דאס גייט ארויף אויף די חותם פון ברית מילה. והכהן הגדול מאחיו, מיט וואס איז דער כהן גדול מער מאחיו, אשר יוצק על ראשו שמן המשחה, אז מען האט אים געזאלבט מיטן שמן המשחה, ווייל ומלא את ידו, ער האט ממלא געווען דעם 'יד', זיין חותם איז בקדושה, וועגן דעם איז ער דער גדול מאחיו.

**קומט** אויס, ווען מען נעמט דאס ווארט ידים, און מען מאכט דערפון רחבת ידים, מען ציהט עס אויס מיטן מילוי, איז עס בגימטריא חות"ם. ווען א יוד היט זיין חותם, האט ער א רחבת ידים. דער רחבת ידים, אויסצוציען די ידים, איז דאך די גימטריא פון חות"ם, דאס ברענגט דאס רחבת ידים. האט ער געזאגט אויף די בני יעקב, שלמים הם אתנו, זיי מל'ן זיך, און דורך דעם איז והארץ רחבת ידים לפניהם.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אהרן יונתן ראזענטאהל** ע"ה.

*

# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב התקיימה החתונה הגדולה של נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, החתן **שלמה זלמן כ"ץ** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבה גדולה), חתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, עב"ג בת ש"ב **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א**, בן **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, שהתקיים באולם הגדול בבארא פארק.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבית ידידינו הרבני הנגיד הר"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו לקבל קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בדבר ישועה ורחמים בהאי עידן חדוותא עילאה בבית צדיקים.

בהגיע מועד השמחה בשעה חמש לפנות ערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים הדגולים שליט"א להקבלת פנים שנערכה ברוב עם במעמד רבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימו בניגוני התעוררות. - אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה נשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן בהתעוררות רב, ולעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם.

אחר כך הלבישו את החתן בהקיטל, ויחגור אותו באבנטו של **הרה"ק בעל בני ישכר** זי"ע, ושל **מרן הרה"ק מבעלזא** זי"ע, ובכיפתו של **הרה"ק רבי ר' זושא** זי"ע. - **כ"ק מרנן האדמורי"ם שליט"א** נסעו עם החתן והמחותנים שליט"א לבאדעקן לאולם לעגאסי (מקום שהתקיים החתונה לנשים).

החופה התקיימה במעמד קהל רב על במה מיוחדת על יד אולם הגדול. אחר שניגנו ניגוני קודש בהתעוררות עצומה, כיבד **רבינו שליט"א** את אחיו הגדול **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, סב הכלה, בסידור קידושין. בעדי קידושין נתכבדו **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, **והרה"ג רבי נטע פריעדמאן שליט"א** ראה"כ באבוב 45. **הגה"צ אב"ד קראסנא שליט"א** דוד הכלה, נתכבד בקריאת הכתובה. **כ"ק רבינו שליט"א** אמר ברכות ראשונות, ובברכה אחריתא נתכבד **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** סב החתן. - עם סיום החופה לאחר **שכ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א וכ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** איחלו וברכו לכל הקהל הנאספים, השמיע **רבינו שליט"א** ברכת מזל טוב לכל הקהל. וזה הברכה אשר ברך אותם **רבינו שליט"א**: דער אייבערשטער זאל העלפן ביי ענק אלע, דער באשעפער זאל געבן רפואות און ישועות, בני חיי ומזוני רויחא, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן. - ויצאו כל הקהל בריקוד ובשירה וזמרה.

כשעה אחר החופה נכנסו **כ"ק האדמורי"ם שליט"א** לאולם החתונה שהיתה גדוש בקהל המונים תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים.

במשך החתונה הגיעו אדמורי"ם ורבנים שליט"א להשתתף בשמחה הגדולה, ומאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה עברו לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'ויאמר יהושע'** (על סדר בראשית שמות) מאת **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל** – סב החתן והכלה. וספר **'שמן ראש'** (חלק אחד עשר על סדר בראשית - נדבת לבו של ידידנו הנה"ח הר"ר **אברהם ברוך בערקאוויטש** הי"ו), שיצאו לאור על ידי **'מכון מעדני מלך'** בהוד ותפארת לרוות הצמאים לדבר ה'.

בשמחת החתונה ערך **רבינו שליט"א** ריקודין של שמחה במחול עם אחיו הגדול סב הכלה **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** וגיסיו הגאוה"צ שליט"א, ועם מחותנו סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, ובריקוד מיוחד ונלהב עם בנו אבי החתן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, כאשר קהל הקודש רוגשים במעלות ההיכל בשמחה וחדוה עילאה.

אחר אמירת לחיים ירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, והמשיך בריקודין נלהבים עם החתן והמחותנים שליט"א ויוצ"ח, כאשר קהל אנשי שלומינו מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות, שנמשך למשך שעה ארוכה.

בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א** (סטעטן איילאנד) - דוד החתן והכלה. בשבע ברכות נתכבדו: **הגה"צ אב"ד שטראסבורג שליט"א, הרה"צ רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א מב"ב), **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הרה"ג רבי חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א, הרה"ג רבי יוסף**

משה מייזליש שליט"א אב"ד לאסק. בברכה אחריתא נתכבד **הרה"צ רבי אהרן מענדל טווערסקי שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א).

אחר אמירת השבע ברכות נשמעו דברי חרוזים, וקראו את **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** סב הכלה לריקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ, ובחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות אבותיו הק' שעל ידם יושפע כל טוב. - **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לה' יתברך, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בריקודין יחד עם נכדו החתן שליט"א, ועם בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** אבי החתן, שארכה למשך זמן מתוך שמחה ודביקות. ובסיום יצא במחול עם בני המשפחה יוצ"ח שליט"א.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ של סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, והמחותנים שליט"א. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעות לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו ישפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום רביעי פרשת וישלח***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה בהיכל ישיבה קטנה תולדות יעקב יוסף סקווירא (וומסב"ג), לכבודו של המחותן **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** ר"מ בישיבה.

*

***יום חמישי פרשת וישלח***

מה נהדר היה המראה והמחזה רבת ההוד, כאשר נאספו כל העדרים, מאות עדרי צאן קדשים, המתחנכים בקרב מוסדותינו הקדושים די בכל אתר ואתר, שבאו לשמוח לקראת השמחה בבית **רבינו שליט"א**.

בראשית השמחה נשמעו דבריו של **כ"ק הגה"צ רבי משולם פייש גינזבערג שליט"א** האדמו"ר מחוסט, אשר הנעים במתק לשונו לפני התלמידים בגודל תפקידם בשנות נעוריהם, ובגודל רוממות יום שמחתינו שמחת בית צדיקים.

במשך השבע ברכות בין פרקי השיר נשמעו דברים על ידי תלמידי מוסדותינו הק', שהטיבו לבטא גודל רגש הלבבות בעידן חדוותא דבי מלכא, אשר הדרכת קדשו הוא נר לרגלם ואור לנתיבותם.

**רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש מתובל בדברי הדרכה למאות תלמידי המוסדות, לדעת את הדרך ילכו בה, להתגדל בתורה ויראת שמים.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הק' הייבט אן, ווען יעקב האט זיך געדארפט טרעפן מיט עשו, וישלח יעקב מלאכים, יעקב האט געשיקט מלאכים, לפניו פאר אים, אל עשו אחיו, זיי זאלן גיין צו עשו, איבערגעבן דעם שליחות וואס ער האט געשיקט זאגן. וואס האט ער געזאגט, עם לבן גרתי ואחר עד עתה. זאגט רש"י, איך האב געוואוינט צוזאמען מיט לבן, גרת"י איז תרי"ג, איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצוות ביי לבן אין שטוב, ולא למדתי ממעשיו הרעים, און איך האב מיך נישט אראפגעלערנט פון די שלעכטע מעשים פון לבן. אויב עס איז לא למדתי ממעשיו הרעים, אויב יעקב האט אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, דארף ער דאך נישט מורא האבן, ער האט דאך אפגעהיטן אלע מצוות, פארוואס האט ער מורא געהאט צו גיין צו עשו.

**נאכדעם** זעהט מען, ווען ער איז אהיימגעקומען פון לבן'ס שטוב, ויבא יעקב שלם, יעקב איז אהיימגעקומען גאנץ, עס האט אים גארנישט געפעלט. עס האט אים נישט געפעלט פון זיין גוף, נישט אין געזונט, און קיין געלט האט אים אויך נישט געפעלט, כאטש ער האט אוועקגעגעבן אזויפיל פאר עשו'ן. שלם בתורתו, ער איז געווען גאנץ מיט זיין תורה, ער האט גארנישט פארגעסן פון זיין לערנען, כאטש ער איז צוואנציג יאר נישט געווען אין בית המדרש פון שם ועבר. וואס איז דער ענין דערפון?

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, יעדער יוד וואס טוט א מצוה, ווערט באשאפן דערפון א מלאך. אויב ער טוט אן עבירה, ווערט אויך באשאפן דערפון א

מלאך. דער חילוק פון די צוויי מלאכים זענען, א מלאך וואס ווערט באשאפן פון א מצוה, זאגט די משנה (אבות ד-יא) העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, ער טוט א מצוה ווערט באשאפן א מלאך, און דער מלאך איז דער לויע"ר פון דעם מענטש וואס האט געטון די מצוה. ער נעמט זיך אן פאר אים, ער רעדט אויף אים גוטס, אז מען זאל אים אין הימל העלפן ווען ער דארף. העושה עבירה אחת, קונה לו קטיגור אחד, אז מען טוט אן עבירה, האט מען נישט אפגעטון אן עבירה און מען וועט אפגעגעבן דין וחשבון שפעטער, נאר עס ווערט באשאפן א קטיגור, א מלאך וואס זוכט אלץ חסרונות אויף דעם מענטש. ווי ביי א משפט איז דא א קטיגור, וואס לייגט פאר פונקטליך די הארבקייט פון די עבירה וואס ער האט געטון, און די עונשים וואס קומט דערפאר.

**וואס** איז דער חילוק פון די צוויי מלאכים? שטייט אין **מהרש"א** (סוטה ג:), אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון א מצוה, גייט פאראויס פונעם מענטש. דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון א עבירה, גייט אונטער דעם מענטש. פארוואס, ווייל ווען איינער האט געזינדיגט, און די פאליציי האט אים געכאפט, און מען דארף אים פירן ערגעץ, וועט די פאליציי גיין אונטער רוקן פונעם מענטש, און ער וועט גיין פאראויס. פארוואס, ווייל טאמער וועט דער פאליסמאן גיין קודם, און ער וועט לאזן דעם מענטש אונטער אים, וועט זיך דער מענטש אויסדרייען און ער וועט אנטלויפן פון אים. לאזט ער אים גיין קודם, און ער באגלייט אים, ער זאל זיך נישט קענען אוועק רוקן פון אים. ווען מען רופט איינעם צו א חתונה צו א שמחה, און דער בעל הבית וויל אריין רופען דעם גאסט, גייט דער בעל הבית פאראויס, און דער גאסט קומט נאכדעם, ער ווייזט אים דעם וועג וואו ער זאל גיין, ווייל ער האט נישט מורא אז דער גאסט וועט אנטלויפן, דער גאסט קומט דאך צו די סעודה, איז עס דאך מער כבוד ווען ער גייט פאר אים, און ער ווייזט אים דעם וועג. ווען איינער טוט אן עבירה, שטייט אין די גמרא איז מלפפתו, דער קטיגור גייט אונטער אים, אזוי ווי א פאליסמאן וואס גייט אונטער דעם רוקן פון דעם וואס מען באשולדיגט. אבער ווען א מענטש טוט א מצוה, מקדמתו ועוברת לפניו, גייט די מצוה פאר אים קודם.

**עס** איז דא א שיין ווארט אין **אך פרי תבואה** (פרשת נשא), ווען א יוד טוט תשובה מאהבה, וואס זדונות נעשה לו כזכיות (יומא פו.), איז דער מלאך וואס איז געווען אונטער אים, דער פרקליט, גייט יעצט פאראויס פון אים, ווייל פון די עבירה איז דאך געווארן א זכות. וועגן דעם שטייט אין די תורה ווען מען טוט תשובה, והשיב אשמו בראשו (במדבר ה-ז), דער אשמו וואס איז געגאנגען אונטען, זאל ער אים איבערפירן ער זאל גיין יעצט פאר אים. - על כל פנים, ווען א יוד טוט א מצוה, פון די מצוות ומעשים טובים וואס ער טוט, איז דא מלאכים וואס גייען פאראויס פונעם מענטש.

**ווען** יעקב האט געדארפט שיקן מלאכים צו עשו, וואס פארא מלאכים האט ער אויסגעקליבן צו שיקן? די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע תרי"ג מצות וואס ער האט אפגעהיטן. וישלח יעקב, יעקב האט געשיקט, מלאכים לפניו, די מלאכים וואס גייען לפניו פונעם מענטש, וואס ווערן באשאפן פון די מצות, די סארט מלאכים האט ער געשיקט.

**אז** יעקב האט אזעלכע שיינע מלאכים פון די תרי"ג מצוות, וואס דארף ער מורא האבן דעמאלטס פון עשו? יעקב האט דאך געזאגט, איך האב אפגעהיטן אלעס וואס איך האב געקענט, אבער האב איך דען געקענט לערנען ביי לבן אין שטוב ווי איך האב געלערנט ביי שם ועבר? ער האט געקוקט אלע וועגן ווי אזוי ער האט מיר געקענט ווי טון. לבן בקש לעקור את הכל, עשרת מונים האט לבן איבערגעדרייט וואס ער האט אפגעהאנדלט מיט יעקב. אמת תרי"ג מצות שמרתי, איך האב אפגעהיטן אלע תרי"ג מצוות, אבער ולא למדתי איך האב אבער נישט געלערנט. פארוואס? ממעשיו הרעים, זיינע שלעכטע מעשים האבן מיך צוגעברענגט אז ולא למדתי. און אז מען לערנט נישט, קען מען נישט. און אז מען לערנט נישט, איז מען נישט מצליח. אפילו ווען עס זאל זיין ותרי"ג מצות שמרתי, ער האט אפגעהיטן אלע תרי"ג מצות, אבער ולא למדתי, ער האט מתאונן געווען איך האב נישט קיין זכות פון תורה, ממעשיו הרעים, מכח די שלעכטע מעשים פון לבן, ער האט מיך געשטערט פון לימוד התורה. און אז ער האט נישט קיין לימוד התורה, האט ער מורא געהאט ווי אזוי מען וועט קענען בייקומען דעם כח פון עשו.

**די** תורה זאגט ווייטער ויבא יעקב שלם. יעקב כאטש ער איז געווען אזויפיל יארן ביי לבן אין שטוב, איז ער אהיימגעקומען גאנץ. עס האט אים גארנישט געפעלט. ווי אזוי האט ער עס באוויזן? איין יוד אליין, ארומגענומען מיט לויטער גוים. ווער האט געוואוינט אין חרן, נאר עובדי עבודה זרה. ער האט זיך געדארפט דרייען ביי לבן'ס שטוב, און ווי אזוי קען טאקע זיין אז ער האט זיך נישט אפגעלערנט פון זיינע שלעכטע מעשים. א מענטש איז דאך געוואוינט, אז ווען ער דרייט זיך ביי יענעם, ווערט ער נשפע פון אים. ווי אזוי קען זיין אז ער האט זיך געדרייט אין אזא מסוכן'דיגע פלאץ פון עובדי עבודה זרה, און ויבא יעקב שלם ער איז אהיימגעקומען גאנץ?

**אין** די מפרשים שטייט, של"ם איז די ראשי תיבות פון דריי זאכן, ש'ם ל'שון מ'לבוש. שם איז טייטש דער נאמען, לשון איז די שפראך, מלבוש איז די קליידונג ווי אזוי ער איז געגאנגען אנגעטון. יודען זענען געווען אין מצרים אזויפיל יארן, ווי אזוי האבן זיי זיך געהאלטן צוויי הונדערט יאר אין מצרים וואס איז געווען ערות הארץ? עס שטייט אין מדרש (ויק"ר לב-ה), אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים בזכות שלא שינוי שמם לשונם ומלבושם, זיי האבן נישט געטוישט זייער נאמען, זייער לבוש, און זיי האבן נישט געטוישט זייער שפראך. דער גוי האט געהייסן די אלע גוי'אישע נעמען, און די יודען האבן געהייסן ראובן שמעון לוי יהודה, איך טויש מיר נישט דעם נאמען אזוי ווי דער גוי. ווען מען האט געדארפט רעדן צווישן זיך, האט מען נישט גערעדט מצריש וואס די פעלקער האבן גערעדט, זיי האבן גערעדט לשון הקודש איינער צום צווייטן. יעדע פאלק האט דאך זיין סארט לבוש ווי אזוי מען גייט, די יודען זענען געגאנגען אנגעטון מיט א לאנג רעקל מיט א היט, זיי האבן זיך נישט געטוישט. **עס איז נישט אזעלכע גרויסע זאכן שם לבוש און מלבוש, אבער דאס איז דער יסוד פון א יוד! ווען א יוד דרייט זיך צווישן גוים, און ער הייבט זיך אן צו טוישן אביסל, איך וויל זיין נאנטער צו דעם גוי, עס זאל נישט זיין אזא מרחק צווישן מיר און דער גוי, אזוי פאלט מען.**

**ווען א יוד רופט זיך מיט א יודישן נאמען, איך הייס נישט מייק"ל, און איך הייס נישט אזוי ווי דער גוי הייסט. איך רעדט נישט די שפראך וואס דו רעדסט, איך רעד נישט ענגליש, איך רעד יודיש ביי מיר אין שטוב, איך רעד יודיש מיט מיינע חברים איינער צום צווייטן. איך וויל נישט אויסקוקן אזוי ווי דו קוקסט אויס, איך וויל נישט גיין מיט אזא דזשעקע"ט ווי דו גייסט, איך וויל נישט גיין מיט אזעלכע שפיציגע שיך ווי דו גייסט, און איך וויל נישט גיין מיט אויגן גלעזער ווי דו גייסט, איך וויל גיין אנדערש, איך וויל גיין אנגעטון ערליך, אזוי ווי מיין טאטע איז געגאנגען, און ווי מיין זיידע איז געגאנגען, איך טויש נישט. דאס איז דער חומה וואס האלט אפ אז יודען זאלן נישט אריינפאלן צווישן די אומות העולם! און אז מען ברעכט אדורך די חומה, ווען א מענטש גיט נישט אכט דערויף, זעהט מען ווי די אלע פאלן. צוביסלעך צוביסלעך ווערט ער אויסגעמישט צווישן די גוים. ער פירט זיך ווי א גוי, ער איז אנגעטון ווי דער גוי, באקומט ער א סביבה ארום און ארום וואס איז צוגעפאסט. אז מען גייט אנגעטון אנדערש, און מען רעדט אנדערש, איז זייער שווער זיך צו אויסמישן צוזאמען מיט גוים, עס גייט נישט.**

**יעקב** אבינו איז געווען איין יוד אליין אין חרן, אבער ער האט נישט גערעדט די שפראך וואס מען האט גערעדט אין חרן. ווען ער האט גערעדט צו רחל און לאה, האט ער גערעדט אין די יודישע שפראך. ער האט געהאט זיין נאמען יעקב, ער האט נישט געטוישט זיין נאמען, ער איז געבליבן מיטן נאמען יעקב. מיט זיינע מלבושים איז ער געגאנגען אנגעטון אזוי ווי ער האט געזעהן ביי יצחק, און אזוי ווי ער האט געזעהן ביי אברהם אבינו, אזוי איז ער געגאנגען אנגעטון. און אז מען גייט אזוי אנגעטון, קען מען זיך האלטן אפילו מען איז צוואנציג יאר ביי לבן אין שטוב, מען מישט זיך נישט אויס צוזאמען מיט אים.

**די** וועלט זאגט, אז ווען יוסף האט געהאט די נסיון פון אן עבירה, שטייט אין די גמרא (סוטה לו:) נראית לו דמות דיוקנו של אביו, ער האט געזעהן די צורה פון יעקב אבינו, און ער האט זיך אפגעהיטן און ער האט נישט געזינדיגט. יוסף האט געהאט דעם זעלבן פראבלעם. איין יוד אליין אין גאנץ מצרים, א יונגער בחור פון זיבעצן יאר, פארווארפען געווארן אויף מצרים ערות הארץ, און ער האט געהאט אזא נסיון דארטן אין די שטוב ווי ער וואוינט, עס איז זייער

שוואר געווען אז ער זאל זיך קענען היטן. ווען יוסף איז אנגעקומען אהין, שטייט אין רש"י (לט-ו), אז ער האט זיך אנגעהויבן אביסל צוצופיצן צו די מצריים, מסלסל בשערו, ער האט אנגעהויבן צו מאכן זיינע פיאות, זיינע הארעלעך זאלן זיין שיין, ער האט געוואלט זיין אביסל מענטשליך ווען ער קומט אן אהין צוזאמען מיט די מצריים. האט מען אים געוויזן פון הימל, אז דו ווילסט זיין א מסלסל בשערו, דו ווילסט אויסקוקן ווי דער גוי, וועסטו האבן א נסיון וואס דער גוי האט, און ער איז צוגעקומען צו דעם נסיון וואס ער האט געהאט שפעטער. ער איז געווען א יפה תואר ויפה מראה, ער האט זייער שיין אויסגעזעהן, ער האט זיך נאך שיין צוגעפוצט אויך, דעם גאנצן פעקל וואס מען גייט דא אין מקוה האט ער זיך מיטגענומען, ער וויל געפעלן, ער וויל זיין שיין. דו ווילסט זיין שיין, איך וועל דיר ווייזן דעם נסיון וואס עס ברענגט שפעטער.

**ווען** ער האט געזעהן וואס דער נסיון ברענגט מיט, ווען מען וויל זיך צופאסן צו דעם גוי, נראת לו, עס האט אים אנגעהויבן צו געפעלן, דעם דמות דיוקנו של אביו. מיין טאטע האט געהאט דעם זעלבן נסיון ווי מיר, צוואנציג יאר איז ער אפגעזעסן ביי לבן אין שטוב, ווי אזוי איז ער געבליבן גאנץ? ווייל ער האט זיך נישט געטוישט! איך הייב זיך אן צו טוישן, איך הייב אן מסלסל בשערו. ער האט אנגעהאט א בגד וואס עס איז געווען צוגעפאסט צו די מצריים, האט ער איבערגעלאזט דעם בגד ביי איר, איך דארף נישט דעם בגד, האלט עס ביי דיר, איך דארף נישט אויסקוקן ווי דיר, דעם בגד גיי איך שוין קיינמאל נישט אנטון, איך גיי בלייבן ווייטער ערליך. נראת לו, עס איז אים געפעלן, דמות דיוקנו של אביו.

**ווי** אזוי איז ויבא יעקב שלם, ווי אזוי איז ער אהיימגעקומען גאנץ, נאך צוואנציג יאר זיצן ביי לבן, ויבא יעקב של"ם, ש'ם ל'שון מ'לבוש, ווייל ער איז געווען שלם בגופו, ער האט נישט געטוישט זיין אויסזעהן פון זיין גוף, זיינע פיאות האבן געהאנגען אזוי ווי עס איז געווען פאר דעם, ער האט נישט מסלסל געווען בשערו. ער האט נישט געטוישט זיין נאמען, ער איז געבליבן יוסף. פרעה האט אים גערופן צפנת פענח, אבער עס שטייט קיינמאל נישט דעם טיטול ווייטער, אייביג שטייט נאר יוסף, ער האט נישט געטוישט זיין נאמען. און ער האט נישט געטוישט די שפראך וואס ער האט גערעדט. ווען ער האט גערעדט, האט ער גערעדט לשון הקודש צו וועם ער האט געקענט, ער האט נישט געטוישט דעם מלבוש, אפילו ער איז געווארן א מלך האט ער עס נישט געטוישט. אזוי איז געווען ביי יוסף. ביי יעקב איז אויך געווען די זעלבע, יעקב איז געווען אין די שטוב פון לבן, ער האט נישט געטוישט זיין נאמען, ער האט נישט געטוישט זיין מלבוש, ער האט נישט געטוישט זיין שפראך, ויבא יעקב שלם מיט דעם איז ער אהיימגעקומען גאנץ.

**די** תורה לערנט אונז מיט דעם, ווען יודען וועלן זיין אין גלות, מען דרייט זיך צווישן גוים צוזאמען, אז מען וויל זיין שלם בתורתו, זיך קענען האלטן מיט די תורה, און מען זאל נישט פאלן פון די תורה, דארף מען געדענקען אז מען דארף אכט געבן שם לשון מלבוש, זיך נישט מדמה זיין ווי דער גוי, נאר פירן זיך ערליך.

**ב"ה**, די חשובע קינדער לערנען אין תלמוד תורה, עס איז למדתי, מען לערנט יא. נישט ווי יעקב האט געזאגט, ולא למדתי. מען לערנט און מען איז ב"ה מצליח אין תורה, מען גייט אנגעטון יודיש אזוי ווי מען דארף גיין אנגעטון, און מען היט זיך, וואס מען דארף נישט רעדן ענגליש, רעדט מען נישט קיין ענגליש. ווען מען דארף זיין אנגעטון, איז מען נישט אנגעטון ווי דער גוי, אין דעם זכות איז מען זוכה אז עס זאל קענען זיין ויבא יעקב שלם, מען זאל קענען זיין שלם בתורתו. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל ווייטער וואקסן אין תורה און יראת שמים, ענקערע עלטערן, ענקערע רבי'ס, ענקערע מדריכים, זאלן אלע זעהן ביי ענק אסאך שמחות און נחת, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב התקיים שמחת שבע ברכות לנגידים ונדיבי לב אשר תרמו תרומת הקודש לרגל ימי השמחה. השבע ברכות נערכה בהוד ותפארת באולם קראסנא (וומסבו"ג).

היושב ראש ידידנו הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו הרחיב לדבר בגודל מעלת המשתתפים שזוכים לעמוד

תמיד לימין **רבינו שליט"א**, ולשאת בעול בכל המצטרך בהרחבת גבולי הקדושה בקרב קהלתינו ומוסדותינו הק'. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

בסיום השבע ברכות נשמעו דברי בדחנות. ואח"כ נתכבד הרבני הנגיד הר"ר **אהרן קליין** הי"ו בברכת המזון. השבע ברכות התחלק בין הנדיבים בעם, ובברכה אחריתא נתכבד **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, שיצא אחר כך בריקוד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **רבינו שליט"א**. – **רבינו שליט"א** המשיך אחר כך בריקודין עם קהל המשתתפים למשך זמן.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל קודם באגריסן אלע חשובע גוטע פריינד וואס זענען זיך צוזאם געקומען צו די סעודת שבע ברכות, צו געבן הכרת הטוב. דער וואס טוט פאר יענעם, דארף מען מכיר טובה זיין, נישט זיין ח"ו קיין כפוי טובה. דער אייבערשטער זאל בענטשן די אלע וואס זענען געקומען, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי די אייגענע קינדער.

**די** גמרא (ברכות סג:), פארציילט, ווען די חכמים זענען אריינגעקומען לכרם ביבנה, האבן זיי אנגעהויבן צו דרש'נען. פתחו כולם בכבוד האכסניא, אלע וואס האבן גע'דרש'נט דארטן האבן אנגעהויבן מיטן כבוד פון די אכסניא. טייטשט רש"י, זיי האבן גערעדט בכבודו פון א מענטש וואס שטיצט א תלמיד חכם, ער נעמט אים אריין אין שטוב, און ער גיט אים צו עסן און טרינקן, און ער איז אים מהנה מנכסיו. רבי יהודה פתח בכבוד התורה, רבי יהודה האט גערעדט אין כבוד פון די תורה, פון דעם חשיבות פון לימוד התורה די תלמידים וואס זענען געזעצען און געלערנט דארטן.

**רש"י** טייטשט, 'כרם' איז געווען א ישיבה וואו מען האט געלערנט, און עס איז געווען אויסגעשטעלט אזוי ווי שורות פון א וויינגארטן. פארוואס רופט מען עס אן, אז עס איז געווען א כרם ביבנה. וואס איז די נפקא מינה ווי אזוי עס איז געווען אויסגעשטעלט די שטוב, צו אזוי ווי א כרם צו נישט. - רבי יהודה האט אנגעהויבן בכבוד התורה דאס פארשטייט מען. מען גייט אריין אין די ישיבה, רעדט מען פון כבוד התורה. פארוואס האבן די איבריגע אלע גערעדט בכבוד האכסניא, זיי האבן גערעדט פונעם כבוד פון מהנה זיין א תלמיד חכם.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט אין די גמרא (חולין צב.), אומה זו כגפן נמשלה, כלל ישראל איז נמשל צו א וויינשטאק. א גפן האט זמורות, עס האט צווייגן. עס האט אשכולות, א הענגל פון טרויבן. עס האט עלין, עס האט בלעטער וואס באשיצן די טרויבן. און עס האט קנוקנות, דאס איז קליינע שטיקלעך העלצלעך וואס מען נוצט נישט. זאגט די גמרא, די זמורות, די צווייגן, אלו בעלי בתים, דאס זענען די בעלי בתים וואס זיי טוען אויפהאלטן דעם כלל ישראל. זיי טוען חסד איינער צום צווייטן, מען האנדלט איינער מיטן אנדערן, זיי העלפן ארויס איינער פארן צווייטן, זיי זענען די צווייגן פונעם גפן, זיי האלטן אויף דעם כלל ישראל. אשכולות שבהן, די טרויבן, אלו תלמידי חכמים, זיי זענען די פירות. עלין שבהן, די בלעטער, אלו עמי הארץ, דאס זענען די עמי הארצים וואס קענען נישט אליין לערנען, אבער זיי טוען שטיצן די וואס לערנען תורה. אזוי ווי די בלעטער טוען באשיצן די טרויבן, אז עס זאל נישט קומען דערויף קיין קעלט. קנוקנות שבה אלו ריקנים שבהם, דאס איז די וואס האבן נישט קיין שייכות צו גארנישט, פון זיי האט מען נישט קיין שום נוצן. זאגט די גמרא, ליבעי רחמי אתכליא על עליא, די טרויבן דארפן בעטן רחמים אויף די בלעטער, דאלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא, ווען עס איז נישט דא די בלעטער, האלט זיך נישט די טרויבן. עס איז א משל אז תלמידי חכמים דארפן בעטן אויף די וואס זענען מחזיק די תורה, ווייל אן זיי, ווען זיך נישט האלטן די תורה.

**איך** האב געטראכט א געדאנק, מען איז זיך צוזאמגעקומען אין דעם כרם ביבנה, זענען געווען דארט די תלמידים וואס האבן געלערנט תורה, און עס זענען אויך דארט געווען די מחזיקי התורה. און אזוי ווי עס איז געווען ביידע, רופט ער עס אן אז עס איז געווען אזוי ווי א כרם. ווייל אין א כרם איז דא די עליא מיט די אתכליא, אלע זענען געווען צוזאמען. נאכדעם האט זיך אנגעהויבן א דיון פון וועם מען דארף רעדן. צו מען דארף רעדן פון די אשכולות, מען דארף רעדן פון די תורה, צו מען דארף רעדן וועגן די אכסניא של תורה, די וואס זענען מחזיק די תורה. - רבי מאיר מרדכי האט גערעדט פון כבוד

התורה, ער איז דער ראש המדברים בכל מקום, האט ער גערעדט פון תורה, און איך וועל רעדן פון כבוד אכסניא. און וואס איך רעד, רעדט מען דאך נישט נאר וואס איז נוגע פאר די יעצטיגע מסיבה אליינס, נאר עס זיצן דאך דא אזעלכע יודען וואס זענען שטענדיג מחזיקי תורה, און עס איז גוט אוועקצולייגן די ווערטער אויף א חיזוק אויף א גאנץ לעבן שפעטער.

*

**די** גמרא (נדרים נ:) פארציילט, אז רבינו הקדוש האט געמאכט א חתונה פאר זיין זון רבי שמעון, און ער האט נישט איינגעלאדענט בר קפרא. רש"י זאגט, אז בר קפרא איז געווען א בדחן, ער איז געווען זייער א פריילעכער יוד, און רבינו הק' איז נישט געווען אזוי אין א גיסטע פון שמחה, רבינו הק' האט קיינמאל נישט געשמייכלט, יומא דמחייך ביה רבי, איז געקומען א פורעניות אויף די וועלט (שם). זאגט רש"י אז ער האט מורא געהאט אז בר קפרא וועט אים צו שטארק משמח זיין, האט ער אים נישט גערופן. בר קפרא איז געווען א קלוגער יוד, איז ער געגאנגען דארט צו די זאל פון די חתונה, און ער האט אויפגעשריבן, אז רבי האט אויסגעגעבן פאר די חתונה כ"ד אלפין רבואין זהובים, פיר און צוואנציג טויזענט רבוא זהובים, און ער האט נישט איינגעלאדענט בר קפרא. פאר יעדן איז געווען געלט, און אים האט מען נישט געקענט איינלאדענען. און ער האט זיך נישט באגענוגט מיט דעם, און ער איז געגאנגען צו רבי, [רבינו הק' איז געווען א געוואלדיגער עושר, עס איז געווען ביי אים תורה וגדולה במקום אחד (גיטין נט.), ווען ער האט צוגעשטעלט א חתונה, האט ער צוגעשטעלט א שיינע חתונה], און ער האט אים געזאגט, אם לעוברי רצונו כך, אז דער אייבערשטער גיט אזויפיל געלט פאר עוברי רצונו, לעושי רצונו על אחת כמה וכמה, וויפיל וועט דער אייבערשטער באצאלן פאר די וואס זענען עושה רצונו. רבינו הק' האט געזעהן אז פאר בר קפרא אהרט עס, האט ער איינגעלאדענט בר קפרא צו די חתונה. האט בר קפרא געטוישט דעם ניגון, און ער האט געזאגט פאר רבי, לעושי רצונו טוט דער אייבערשטער אזויפיל בעולם הזה, על אחת כמה וכמה ווי גרויס וועט זיין דער שכר פון עולם הבא. אז אויף די וועלט גיט דער אייבערשטער אזוי סאך, וויפיל וועט ער געבן אויף עולם הבא.

**די** מעשה איז א אינטערסאנטע מעשה, קודם פארוואס האט רבי אויסגעגעבן פונקט פיר און צוואנציג טויזענט רענדלעך אויף די חתונה, נישט דריי און צוואנציג, נישט זעקס און צוואנציג. עפעס איז געלעגן אין דעם מספר, אז דער בודזשעט פאר די חתונה האט געדארפט צו זיין כ"ד אלף. - נאכדעם מעיקרא מאי קסבר, פארוואס זאגט ער פאר רבי, אם לעוברי רצונו כך. רבי איז עובר רצונו? און נאכדעם, ווען רבינו הק' האט אים יא גערופן, האט ער געטוישט, אז דער אייבערשטער גיט אזוי סך אויף די וועלט פאר עושי רצונו, וויפיל וועט ער געבן אויף יענע וועלט.

**איך** וואלט געמיינט צו זאגן א פשט אין די גמרא. עס שטייט אין פסוק (דברים ד-כח), דער אייבערשטער זאגט, יודען וועלן קומען אין גלות, ועבדתם שם אלהים, עטץ וועטס דינען דארט עבודה זרה, מעשה ידי אדם, עבודה זרה וואס איז געמאכט מיט מענטשליכער האנט. און ער איז מאריך אין די גנות פון עבודה זרה. און ער פירט אויס, אז ווען עטץ וועטס זיין דארט, ובקשתם משם את ה' אלקיך, וועט עטץ זוכן דעם אייבערשטן, ומצאת, און דו וועסט אים געפונען, כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך, ווען דו וועסט אים דורש זיין מיטן גאנצן הארץ. רש"י שטעלט זיך שוין, דער אייבערשטער זאגט, אז ווען מיר וועלן קומען אין גלות גייען מיר דינען עבודה זרה? א פסוק זאל אזוי ארויסשרייבן, אז גאנץ כלל ישראל וועט דינען עבודה זרה? זאגט רש"י, משאתם עובדים לעובדיהם, זענט עטץ גערעכענט אזוי ווי עובדים. ווען מען וועט זיין אין גלות, און מען וועט זיין נכנע אונטער די אומות העולם וואס דינען עבודה זרה, אונז וועל מיר דארפן ארבעטן פאר זיי, אז מען ארבעט פאר א עובד עבודה זרה ווערט מען גערעכענט ווי א עובד עבודה זרה. דער פגם אויבן איז אייניג. ועבדתם שם אלהים אחרים מיינט נישט צו זאגן אז מען וועט דינען עבודה זרה, נאר עטץ וועטס דינען פאר אזעלכע וואס דינען עבודה זרה, און דאס ווערט גערעכנט פאר ענק ווי עטץ האטס געדינט.

**עס** איז דא א הייליג ווארט אין **ערוגת הבשם** (פרשת נצבים), א געוואלדיגער מוסר השכל וואס מען קען פון דעם אראפלערנען. אויב א מענטש וואס איז א עובד פאר א עובד עבודה זרה, רופט אים דער פסוק

אן, דו ביסט כאילו עובד עבודה זרה. כל שכן ווען א יוד איז אן עבד פאר צדיקים, פאר חכמי ישראל, איז אפילו פאר זיך אליין איז ער נישט אין די מדריגה, ווערט ער גערעכענט אזוי ווי ער וואלט ווען געווען אזוי ווי זיי. אז מען זאגט אז ווען מען איז א עובד פאר א עובד עבודה זרה, איז נחשב כעובדים, איז אוודאי ווען א יוד איז אן עובד פאר א תלמיד חכם, אז עס ווערט גערעכענט כאילו ער איז א עובד ה'.

**און** דאס זאגט דער פסוק נאכדעם, ובקשתם משם 'את' ה' אלקיך, פון דארט זאלט עטץ ארויס זוכן דעם 'את' ה' אלקיך, לרבות תלמידי חכמים (פסחים כב:), ומצאת, וועסטו געפינען די געוואלדיגע מעלה וואס עס איז דא אז מען שטיצט תורה. ווען דו וועסט זעהן אז ווען מען איז א עובד פאר א עובד עבודה זרה, איז מען פאררעכענט פאר א עובד עבודה זרה, ובקשתם משם את ה' אלקיך, אז ווען מען איז א עובד פאר איינעם וואס דינט דעם אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער רעכענען אזוי ווי ער איז אליין אן עובד ה'.

**די** הלכה געפינט מען אויך אין א משנה (מכות ה:), די משנה זאגט, אז די תורה (דברים יז-ו) זאגט, על פי שני עדים או שלשה עדים יומת המת, פרעגט די משנה, אויב א עדות ווערט מתקיימת בשתים, איז דאך בשלשה על אחת כמה וכמה. וואס דארף די תורה זאגן, על פי 'שלשה' עדים יומת המת. מה דאך פאר צוויי, איז דאך כל שכן פאר דריי? עס איז דא כמה דרשות אין די משנה, רבי עקיבא זאגט, לא בא השלישי להקל עליו אלא להחמיר עליו, ולעשות דינו כיוצא באלו, אז דער דריטער וואס האט זיך מתחבר געווען צו דעם עדות, ביי אים גייט אויך אן דין הזמה. אויב מען האט מזים געווען אלע דריי עדות וואס האבן געוואלט הרג'נען א מענטש, הרג'עט מען אלע דריי. כאטש דער דריטער האט גארנישט צוגעהאלפן דא צו די עדות, די עדות איז מתקיימת בשתים, פארוואס קומט זיך אויך פאר דעם דריטן אז מען זאל אים הרג'נען? נאר מכאן לנטפל לעושי עבירה, רעכענט אים דער תורה כעושי עבירה. דו האסט זיך צוגעשטעלט צו עוברי עבירה, באקומסטו דעם זעלבן עונש ווי זיי. זאגט די משנה, על אחת כמה וכמה ווען א יוד איז א נטפל לעושי מצוה, צאלט אים דער אייבערשטער שכר כעושי מצוה, אזוי ווי מען טוט א מצוה. זעהט מען דאך, אז הנטפל לעובדי עבודה זרה איז אזוי ווי א עובד עבודה זרה, איז הנטפל פאר עושי רצונו, ווערט עס גערעכענט אזוי ווי ער טוט אויך דעם רצון פונעם אייבערשטן. און די משנה זאגט אז עס איז א קל וחומר, מה דאך ביי רעה זאגט מען, אז א נטפל ווערט גערעכענט כעוברי רצונו, איז דאך מדה טובה מרובה, אז עס איז אזוי ווי עושי רצונו.

**אז** מען איז זיך מתבונן, דער נטפל לעוברי עבירה, דער דריטער וואס האט זיך צוגעשטעלט דא, האט באמת גארנישט אויפגעטון מיט זיינע ווערטער. עס איז דא צוויי עדות, מען האט אויסגעהערט ראובן און שמעון, וואס האבן מעיד געווען אז דער מענטש האט געטון די עבירה, און עס קומט אים מיתה. דער דריטער וואס שטעלט זיך צו, און ער זאגט, איך האב אויך געזעהן ווי אזוי דער יוד האט געטון די עבירה, ער האט גארנישט אויפגעטון מיט זיינע ווערטער, אז מען זאל יענעם הרג'נען. ועשיתם לו כאשר זמם לעשות (דברים יט-יט), ער איז נישט קיין זמם לעשות, יענער איז שוין א גברא קטילא, צוויי עדות האבן שוין מעיד געווען. אבער וויבאלד ער האט זיך צוגעשטעלט צו עוברי עבירה, דו ביסט געווען א נטפל, דו שטייסט אויך דארט, זאגט מען אז עס ווערט גערעכענט אזוי ווי ער האט א חלק דערין. אזוי אויך אפילו איינער איז נאר א נטפל לעושי מצוה, אפילו ער שטעלט זיך נאר צו צו די עושי מצוה, ער האט נישט קיין חלק אין די עושי מצוה, פון דעסטוועגן דאך ווערט ער גערעכענט כעושי מצוה. איז דאך א כל שכן ווען א מענטש איז נישט נאר א נטפל לעושי מצוה, אז ער שטעלט זיך צו די זייט, נאר ער איז א מסייע ממש פאר תלמידי חכמים, און ער העלפט אז זיי זאלן קענען לערנען, אז זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן, אן זיין הילף וואלט עס נישט געקענט פאסירן, אלמלא עליא לא מתקיימי אתכליא. ווען ער איז נישט נאר א נטפל פון דער זייט, ער שטעלט זיך צו צו אים, נאר ער איז גורם די גאנצע זאך, אז דער עושי מצוה זאל קענען טון די מצוה, איז אוודאי זיין שכר כעושי מצוה. און דאס איז די ראיה פון עדות, ביי עדות האט דער אייבערשטער געזאגט, אז דעם דריטן גיט מען די זעלבע עונש ווי מען האט געגעבן פאר די צוויי, ווייל ער האט זיך צוגעשטעלט, ער איז געווען א נטפל לעושי עבירה, איז א קל וחומר אז ביי עושי מצוה איז אויך די זעלבע.

**די** זעלבע איז ביי תורה. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, נישט יעדער איינער איז אויסגעשטעלט אויסצוזוואקסן אין תורה, אבער דער אייבערשטער גיט פאר יודען מעגליכקייטן מען זאל קענען זיין א נטפל לעושי מצוה, מען זאל קענען ארויסהעלפן. זבולון שטייט צו די רעכטע האנט פון דעם יששכר, און ער העלפט אים ער זאל קענען זיצן און לערנען, און אויפטון וואס ער דארף צו טון. מיט דעם וואס דער נטפל טוט אים צוהעלפן דערצו, חלק כחלק יאכלו. ווען מען קומט אויף יענע וועלט, טיילט מען זיך איינ. כי בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), אויבן אין הימל איז דא צל החכמה, עס איז דא א גן עדן וואס עס איז מיוחד פאר תורה, און דארט קומט אריין, נישט נאר די וואס האבן געלערנט תורה, נאר די בצל הכסף, ווער עס האט צוגעהאלפן פאר דעם תלמיד חכם ער זאל זיצן און לערנען תורה, ער קען אויך זיצן דארט. מען גיט אים די זעלבע שטול אין גן עדן. חלק כחלק יאכלו, זיי צוטיילן זיך אין זייער חלק.

**מען** זאגט נאך פונעם **חפץ חיים**, אבער מסתם איז עס א מדרש שוין פון פריער, וואס איז דער גרויסער שכר? ער איז א עם הארץ, ער קען נישט לערנען, און מען זעצט אים אריין אין היכל פון צדיקים, וואס מען זיצט און מען לערנט א גאנצן טאג, און ער פארשטייט נישט קיין ווארט וואס מען רעדט דארטן. מען זאל נעמען א בעל הבית און מען זאל אים אריינשטעלן אין בית המדרש ער זאל אויסהערן א גאנצן טאג ווי מען לערנט, און ער פארשטייט נישט וואס מען רעדט, דאס איז זיין גן עדן? איז על כרחך אז ווען מען קומט ארויף אויבן אין הימל און ער באקומט דעם חלק פון דעם תלמיד חכם, לערנט מען אים אויס אויבן אין הימל די גאנצע תורה, אז ער זאל קענען מיטהאלטן און האבן דעם טעם גן עדן אינעם צל החכמה לויט זיין צל הכסף. עס איז נישט נאר מען שטעלט אים אריין דארטן, און ער הערט ווי אנדערע לערנען, און ער פארשטייט נישט וואס מען לערנט, דאס איז נישט קיין גן עדן, דאס איז א גיהנם. נאר מען טוט אים צוהעלפן, אז ער ווערט א חכם אין תורה, ער זאל קענען מיטהאלטן וואס מען לערנט תורה. און דאס זעהט מען פון עדות, ווייל עדות איז דאך א נטפל לעושי מצוה, לערנט מען פון דעם אראפ אז עס איז כעושי מצוה.

**איך** וואלט געמיינט מיט דעם א פשט אין פסוק (תהלים יט-ח), עדות ה' נאמנה מחכימת פתי, אז דער פשט דערפון איז, עדות ה', די מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן ביי עדות, אז על פי שני עדים או שלשה עדים יומת המת, וואס עס לערנט אונז, אז דער נטפל ווערט גערעכענט אזוי ווי דער עושה, נאמנה, איז באגלייבט. ביי תורה איז אויך די זעלבע, איינער וואס איז מחזיק תורה, האט ער א חלק אין די תורה. איי ווערסטו פרעגן ער פארשטייט דאך נישט וואס מען לערנט, מחכימת פתי, דער אייבערשטער וועט מחכים זיין דעם פתי, ער זאל קענען מיטהאלטן מיטן צל החכמה. עס איז נישט נאר מען האט אים אריינגעזעצט דארטן אינעם צל החכמה, נאר מחכימת פתי, ער וועט זוכה זיין צו א השגה אין תורה אפילו ער איז געווען א פתי.

**עס** קען זיין אז דאס איז אויך פשט אין פסוק (תהלים ס-א), למנצח על שושן עדות מכתם לדוד ללמד. די פשוטע פשט איז, למנצח אויף א כלי שיר וואס הייסט שושן עדות, און מכתם לדוד, מכתם, איז טייטש א פז, א טייערע שטיין, כתם פז. דער מזמור איז געווען פאר דוד א מכתם, א טייערע שטיין, עס איז געווען ביי אים א קרוין, ללמד, צו לערנען. עס קען זיין אז דער פשט דערפון איז, דוד המלך האט זיך מתבונן געווען אין די מצוה פון עדות, אז ביי עדות זעהט מען אז א נטפל לעושי מצוה ווערט גערעכענט ווי ער טוט א מצוה. האט ער געזאגט א למנצח על שושן עדות, אויף די שיינע רויז וואס מען זעהט ביי די מצוה פון עדות, מכתם לדוד, דאס איז געווען פאר דוד א מכתם, ללמד, אז מיט דעם האט ער געקענט לערנען אנדערע וואס מען לערנט אראפ פון די מצוה פון עדות, די שכר פון א נטפל לעושי מצוה. אין דעם קאפיטל האט ער געזאגט (שם ס-ח), אז אלקים דבר בקדשו, דער אייבערשטער זאגט, אעלוזה, איך האב א שמחה, אז אחלקה שכם, אז איך קען מיך צוטיילן דעם שכר וואס קומט פאר דעם לומד תורה, מיט דעם וואס האט מחזיק געווען די תורה. - על כל פנים פון די מצוה פון עדות זעהט מען, אם לעוברי רצונו כך, אז פאר עוברי רצונו גיט דער אייבערשטער אן הלכה אז דער נטפל איז כעושי עבירה, לעושי רצונו איז אוודאי אזוי.

**רבינו** הק' האט געמאכט א חתונה, יעדע יודישע חתונה איז מעורר א שמחה אויבן אין הימל, עס איז

מעורר רחמי שמים. ווען מען קוקט צו ווי אזוי א יודישע חתונה זעהט אויס, וויפיל ערליכקייט עס איז דא ביי די חתונה, וויפיל יראת שמים עס איז דא ביי די חתונה, וויפיל שמחה של מצוה עס איז דא, און להבדיל מען זאל צושטעלן ווי אזוי א גוי'אישע חתונה זעהט אויס, וואס איז מלא תיפלות. ראו בין בני לבן חמי, קוק ווי אזוי א גוי פירט זיך אויף, און קוק ווי אזוי א יוד פירט זיך אויף, איז יעדע יודישע חתונה מעורר רחמי שמים אין הימל.

**די** וועלט זאגט נאך פונעם הייליגן **בעלזער רב זי"ע, רבי ישכר דוב**, אמאל איז דאך נישט געווען קיין לעקטער, האט מען אנגעצינדן ליכט. און ערב יום כיפור האט מען געדארפט גרויסע ליכט אז עס זאל ברענען פון ערב יום כיפור ביז סוף נעילה. און אמאל האט זיך אויסגעלאשן די ליכט, און מען האט נישט געקענט זעהן, איז געווען די שאלה, צו מען מעג ארייגרופן א גוי אנצינדן די ליכט. און דער בעלזער רב זי"ע האט געזאגט, אז מען זאל אריינרופן א גוי אנצינדן די ליכט. און ער האט געזאגט, עס איז אן ענין אז א גוי זאל אריינקומען אין בית המדרש יום הקדוש, זאל דער אייבערשטער זעהן ווי אזוי דער גוי זעהט אויס, און ווי אזוי מיר זעהן אויס, וועט ער אונז פארשרייבן פאר א גוט יאר.

**דער** אייבערשטער זעהט ווי אזוי עס קוקט אויס א חתונה ביי א גוי, און ער קוקט אויך וויפיל שמחה של מצוה עס איז דא ביי א יודישע חתונה, איז עס מעורר רחמים. אויב דאס איז ביי יעדע חתונה, איז אוודאי ווען רבינו הק' האט געמאכט א חתונה, און עס זענען זיך צוזאמגעקומען דארטן מסתם אלע גדולי ישראל, איז דאך אוודאי געווען א געוואלדיגע התעוררות של שמחה ביי די חתונה. און ווער עס איז געווען ביי די חתונה, איז געווען א נטפל לעושה מצוה, ער האט זיך צוגעשטעלט צו רבינו הק' מיט די חכמי ישראל וואס זענען געווען דארטן. און בר קפרא האט געהאט א געוואלדיגען עגמת נפש, ווען ער וואלט זיך געקענט באטייליגן אין אזא חתונה פון רבינו הק', וואס איז געווען א ערליכע חתונה, וויפיל יראת שמים וואלט איך געקענט שעפן דארטן, איך וואלט געקענט זיין א נטפל, איינס פון די הונדערטער יודען וואס זענען דארטן, פארוואס האט מיך רבינו הק' נישט גערופן. ווערסטו זאגן אז א נטפל איז גארנישט, האט ער געזאגט פאר רבינו הק'

די לשון פון די משנה, אם לעוברי רצונו כך, לעושי רצונו על אחת כמה וכמה. ביי עדות זעהט מען, אז דער נטפל לעוברי רצונו ווערט גערעכענט אזוי ווי אן עובר עבירה, איז דאך לעושי רצונו על אחת כמה וכמה. ווען מען רופט מיך צו די חתונה, וואלט איך דאך געקענט זיין א נטפל למצוה, און אז מען האט אים נישט גערופן, האט עס אים וויי געטון.

**ווען** רבינו הק' האט געהערט אז עס טוט אים וויי אז מען רופט אים נישט צו די חתונה, ער וויל זיין א נטפל לעושי מצוה, אזמניה, האט ער אים גערופן. נאכדעם וואס מען האט אים גערופן זאגט ער, עס איז מיר אזא זכיה אז מען האט מיך גערופן צו די חתונה, ווייל אם לעושי רצונו בעולם הזה גיט דער אייבערשטער אזוי סאך, איז על אחת כמה וכמה אז דער אייבערשטער וועט געבן בעולם הבא, און איך האב די זכיה צו זיין א נטפל צו די עושי מצוה, האט ער עס געהאלטן פאר א געוואלדיגע חשיבות.

*

**עס** איז ניתן להאמר, אז דאס וואס רבינו הק' האט אויסגעגעבן אזויפיל געלט, כ"ד אלף רבוא דינרים, צו די חתונה, איז געווען א ענין דעריין. די וואך אין די פרשה ליינט מען די מעשה פון שכם. שכם איז געווען חשקה נפשו בדינה (בראשית לד-ח), און די בני יעקב האבן געזאגט, אז אויב יעדער וועט זיך מל'ן, וועט זיין די חתונה, און די גאנצע שטאט האט זיך גע'מל'ט. נאכדעם זענען זיי געגאנגען און זיי האבן אויסגע'הרג'עט די גאנצע שטאט. וואס איז די גאנצע שטאט שולדיג? שכם האט געטון אן עולה, שכם דארף מען הרג'נען, וואס האט די גאנצע שטאט געזינדיגט?

**די** תירוץ איז, שכם האט טאקע געטון וואס ער האט געטון, אבער עטץ אנשי שכם זענטס געגאנגען מיטהעלפן צו אים, זיין א נטפל, עטץ גייטס ענק אלע מל'ן כדי שכם זאל זיך קענען נאכגעבן זיינע תאוות, זענט עטץ אלע א נטפל לעושי עבירה. א נטפל לעושי עבירה איז דינו כעוברי עבירה, האבן זיי דן געווען די גאנצע שטאט אויף מיתה.

**עס** שטייט אין **רמ"ע מפאנו** (בספרו **עשרה מאמרות** מאמר אם כל חי ח"א פרק ג'), אז שכם איז שפעטער מגולגל געווארן אין זמרי בן סלוא, וואס איז געווען

נשיא שבט שמעון. און די אלע אנשי שכם וואס מען האט גע'הרג'עט, זענען מגולגל געווארן אין די וואס זענען געווען דעמאלטס אין שבט שמעון. עס איז געווען א מגיפה, ויהיו המתים במגיפה ארבעה ועשרים אלף (במדבר כה-ט), פיר און צוואנציג טויזנט זענען געשטארבן. [ביי אונז שטייט נישט אין חומש וויפיל עס זענען געווען די אנשי שכם וואס מען האט אויסגע'הרג'עט, אבער דער **רמ"ע מפאנו** זאגט, אז עס איז געווען פיר און צוואנציג טויזענט אנשי שכם וואס מען האט אויסגעהרגעט], און אין זיי זענען געווען הייליגע נשמות, און דורכדעם וואס מען האט זיי גע'הרג'עט האבן זיי געהאט א זכות שפעטער, אז זיי זענען נתגלגל געווארן אין זמרי בן סלוא מיט זיין שבט. זמרי בן סלוא האט געהאט א געלעגענהייט אז ער זאל זיך קענען פירן ערליך, און ער זאל מתקן זיין דאס וואס ער האט געזינדיגט ביי שכם, אבער ער איז אדורכגעפאלן מיט דעם וואס ער האט געזינדיגט מיט די מדינית, און מען האט אים גע'הרג'עט. און די כ"ד אלף וואס זענען געווען אנשי שכם, זענען געווען זיין קליקע פון שבט שמעון, זיי זענען געווען די וואס האבן אונטערגעשטיצט זייער נשיא, זיי זענען געווען נטפל צו זייער נשיא, זענען די אלע כ"ד אלף אויך געשטארבן.

**גייט** ער ווייטער, אז זיי זענען נישט צוגעקומען צו א תיקון, זענען זיי שפעטער נאכאמאל מגולגל געווארן. שכם וואס איז געווען זמרי בן סלוא, איז מגולגל געווארן אין רבי עקיבא. רבי עקיבא האט געהאט כ"ד אלף תלמידים (יבמות סב:), די כ"ד אלף זענען געווען די אנשי שכם, און נאכדעם זענען זיי געווען פון שבט שמעון, און שפעטער זענען זיי מגולגל געווארן אין די כ"ד אלף תלמידים פון רבי עקיבא, און דארט האבן זיי געהאט זייער תיקון, און אלע פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים זענען געשטארבן.

**עס** איז א גוואלדיגער מוסר השכל, כי לא ידח ממנו נדח, אפילו מען האט געזינדיגט ביי שכם וכדומה, האט זיי דער אייבערשטער געגעבן נאך א געלעגענהייט מתקן צו זיין ביי שבט שמעון, און שפעטער מתקן זיין נאכאמאל ביי תלמידי רבי עקיבא. זאגט דער פסוק (תהלים צ-ג) תשב אנוש עד דכא, נעם דעם מענטש, און טראג אים צו די כ"ד אלף, דכ"א דאס איז כ"ד א'לף, ותאמר שובו בני אדם, דער אייבערשטער גיט א געלעגנהייט פאר מענטשן, קוק אויף די כ"ד אלף, וועסטו זעהן אז עס איז אזוי.

**ווען** מען איז זיך מתבונן, וואס האט שכם געטון פאר זיין חתונה, ער האט געלאזט מל'ן א גאנצע שטאט, כדי ער זאל קענען נאכגיין אויף זיינע תאות עולם הזה. און ער האט געדארפט זיין שפעטער א גלגול אין נשיא שבט שמעון, און אין רבי עקיבא, ביז ער וועט אלעס מתקן זיין. ולעומת זה ווען רבינו הק' מאכט א חתונה, וויפיל קדושה עס איז געווען ביי די חתונה, די קדושה וואס איז געווען ביי רבינו הק' חתונה, דאס איז געווען ווי א תיקון אויף דעם וואס עס האט אויסגעקוקט א גוי'אישע חתונה, אז מען זאל זעהן אין הימל די חילוק פון דיביידע. האט רבינו הק' אויסגעגעבן אויף די חתונה כ"ד אלף זהובים, פיר און צוואנציג טויזנט זהובים, מעורר צו זיין אויף די אנשי שכם וואס זענען געווען כ"ד אלף, און אויף די כ"ד אלף פון שבט שמעון, ווי אזוי זיי האבן זיך אויפגעפירט ביי דינה מיט שכם, און ביי נשיא שבט שמעון, און דאס איז געווען דער תיקון דערויף, וועגן דעם איז געווען א געוואלדיגע התעוררות ביי די חתונה. און בר קפרא האט אויך געוואלט זיין א חלק פון די וואס זענען נטפל לעושי מצוה.

*

**די** אלע וואס זיצן דא זענען על פי רוב בעלי בתישע יודען, זיי זענען נטפל לעושי מצוה ביי אונזער קהלה און אנדערע מקומות, און מען גיט אוועק אסאך געלט כדי מחזיק צו זיין תורה. מען זאל עס נישט גרינגשעצן, מען זאל וויסן די געוואלדיגע זכות וואס מען האט, עס וועט קומען אמאל א צייט בצל החכמה בצל הכסף, געלט פארגייט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט) דאס געלט וואס מען האט געשטיצט תורה ומעשים טובים, דאס בלייבט אויף אייביג. ווען מען וועט זוכה זיין צוצוקומען צו דעם בצל החכמה בצל הכסף, וועט זיין מחכימת פתי, מען וועט זוכה זיין צו תורה.

**די** יודען וואס זענען נושא בעול ביי אונז אין די קהלה, זיי האט מען צו פארדאנקען וויפיל תורה עס גייט ארויס פון אונזער קהלה. וויפיל ערליכקייט, וויפיל יראת שמים, מען איז מגדל די קינדער אין

תלמוד תורה, און אין די מיידל שולע, און די בחורים לתורה ולעבודתו יתברך שמו. די קהלה האט היינט צוויי טויזענט קינדער וואס לערנען אין אונזערע מוסדות. די ישיבה ב"ה וואו מען זיצט און מען לערנט תורה. ווען איך בין אריינגעקומען דא אין די קהלה מיט יארן צוריק, איז דער בית המדרש אין וויליאמסבורג געווען כמעט האלב ליידיג, ב"ה עס איז היינט פול, פון צופרי ביז ביינאכט זיצט מען און מען לערנט, פינף אזייגער אינדערפרי איז שוין דאס בית המדרש פול מיט לומדי תורה. א גאנצן טאג ביז שפעט ביינאכט הערט זיך נישט אויף די קול תורה פונעם בית המדרש.

**די** ישיבה שטייט היינט אסאך שענער פון וואס עס האט דעמאלטס אויסגעקוקט, סיי בריבוי הכמות, און סיי בריבוי האיכות. איך קען זאגן, אין מיינע אויגן קוק איך עס אזוי אן, אז עס איז מסתם פון די געציילסטע שענסטע ישיבות וואס עס איז היינט דא, דא אין די שטאט. סיי די ישיבה קטנה, וואו מען פארהערט זיך און מען לערנט פלייסיג און ערליך, און די זעלבע אין די ישיבה גדולה, מען זיצט און מען לערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, מיט א געוואלדיגע ערליכקייט, מען זיצט און מען לערנט פלייסיג. עס איז אפשר אויך דא ישיבות וואו עס לערנען תלמידי חכמים און עובדי ה', אבער אלעס אינאיינעם וואס עס איז דא ביי אונז, תורה, איידעלקייט, און ערליכקייט, מיין איך אז מען קען ציילן וויפיל ישיבות עס איז דא. - און דאס איז אלעס צו פארדאנקען פאר ענק, די מחזיקי תורה. די אלע וואס האבן א חלק דעריין זאלן וויסן, אשרי שכרם! וואויל איז די שכר דערפון, וויפיל תורה עס ווערט אויפגעשטעלט אויף אייער חשבון.

**מען** דארף העלפן תלמידי חכמים אין די יונגע יארן, עס האט א חשיבות, אבער ווען מען העלפט אויף די עלטערע יארן, האט עס אסאך מאל אויך א געוויסן גרעסערן חשיבות. מען לערנט טאקע נישט תורה אזויפיל וויפיל מען האט אמאל געלערנט, אבער פון די אנדערע זייט די הרבצת התורה איז אויף א גרעסערע פארנעם, עס איז דא דער ציבור וואס ליגט אויף די פלייצעס. עס איז א געוואלדיגע זכות פון צוהעלפן, מען זאל קענען ווייטער מרביץ תורה זיין, דער חלק הרבצת התורה וואס איז היינט דא, איז אין ערוך פון דעם וואס א יחיד לערנט, און מיט דעם וואס מען איז מחזיק אזויפיל תורה, וואס אזויפיל ערליכע יודישע שטיבער ווערן געבויט אויף דעם וועג, די אלע וואס האבן א חלק דערין זענען נטפל לעושי מצוה, און זייער שכר איז כעושי מצוה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן, מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין שטיצן תורה. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די קהלה, און דער אייבערשטער האט אריינגעשטעלט מענטשן וואס זענען נאנט צו די קהלה, צו זיי זענען ערצויגן געווארן דארטן, צו זיי זענען נמשך געווארן אויף דעם פלאץ, און עניי עירך האט דעם דין אז עס איז קודם פאר אנדערע. אז דער אייבערשטער גיט די זכיה אז מען קען זיין פון די מחזיקי תורה, זאל דער אייבערשטער בענטשן מיט אלעם וואס מען דארף האבן, ימלא ה' כל משאלות לבבכם לטובה, מען זאל זיך קענען פרייען שטענדיג איינער מיטן אנדערן אויף שמחות, און מיר זאלן זוכה זיין כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***ערב שבת קודש פרשת וישלח***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **שמאי קהת גראס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

*

***שבת קודש פרשת וישלח***

**רבינו שליט"א** הגיע לשבות את שבתו בעיר בארא פארק, לקראת השבע ברכות של נכדו החתן **הרב שלמה זלמן כ"ץ שליט"א**.

תפלות ליל ויום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשו של אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, וכמו כן סעודות שבת קודש נערכו ברוח של שמחה מרוממת בשבת אחים גם יחד באולם אמונת ישראל. בסעודת ליל שבת קודש דרש **רבינו שליט"א** בדברי תורה לכבוד השמחה (תוכן הדברי תורה נדפסו בגליון 'דברי תורה'). - בסעודתא דעתיקא קדישא ביום השבת הגיע

במיוחד סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** להשתתף בסעודת השבע ברכות.

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** במקהלות עם רב אנשי שלומינו בבית מדרשנו ברכת אברהם. בסיום הדברי תורה הוסיף **רבינו שליט"א** דיבורים מיוחדים לרגל השמחה השרויה במעונו (תוכן הדברי תורה נדפסו בגליון 'דברי תורה'). אחר הדברות קודש הוסיפו לנגן ניגוני שמחה והודאה. – בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש.

**רבינו שליט"א** הבדיל על הכוס בבית האכסניא אצל ידידנו הרבני הנגיד הר"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו, והמשיך לשוחח עם בעל האכסניא וקהל הנוכחים בצהלת פנים בדברי תורה ועובדין דצדיקיא.

במוצאי שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שבע ברכות רבתי שנערכה על ידי קהלת וויזניץ. השבע ברכות התקיימה באולם הגדול במעמד עם רב, ובהשתתפות אדמורי"ם ורבנים שליט"א. בסיום השבע ברכות השמיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** רגשות לבבו על ימי השמחה שעברו בהתרוממות הנפש. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, והמשיך בריקודין של שמחה וחדוה בחלל ההיכל יחד עם הסבים האדמורי"ם שליט"א למשך זמן.